# תצוה

## ממנו יוצאה אורה לכל העולם

די חז״ל זאָגן[1], אַז די פענסטער פון בית המקדש זיינען געווען געבויט אין אַ וועג אַז די ליכטיקייט פון דער מנורה זאָל אַרויסשיינען אין דרויסן פון בית המקדש.

דער צוועק פון דער מנורה איז צו באַלייכטן די גאַנצע וועלט מיט דער ליכטיקייט פון דער שכינה.

מ׳האָט שוין פיל מאָל גערעדט[2], אַז יעדער אידישע הויז איז אַ "**מקדש מעט**"[3] – אַ ביישפיל צום בית המקדש פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

אַ איד דאַרף מאַכן פון זיין הויז אַ "בית" אויף וועלכן דער אויבערשטער זאָגט "**ושכנתי בתוכם**"[4] – ג-טלעכקייט און אידישקייט רוט דאָרט.

**קינדער דאַרפן אויפשטעלן אַזאַ "בית תפלה, תורה וגמילות חסדים" פון זייער אייגענעם חדר, וואו דער אויבערשטער רוט דאָרט בגלוי!**

און דאָס איז דורך דעם וואָס ער מאַכט פון זיין הויז אַ "**בית תפלה**", "**בית תורה**" און אַ "**בית גמילות חסדים**": אַ הויז וואו מ׳בעט אויף יעדער זאַך באַ דעם אויבערשטן (תפלה), אַ הויז וואו מ׳הערט דאָרט און מ׳חזר׳ט און מ׳לערנט דאָרט ענינים פון תורה, און אַ הויז פון וועלכער עס גייט אַרויס צדקה און גמילות חסדים פאַר די וואָס נויטיקן זיך אין דעם, מענטשן אָדער מוסדות (ווי בתי חינוך, אַ חדר, תלמוד תורה, ישיבה און דאָס גלייכן).

און דאָס איז אויך די "מישאָן", די שליחות פון קינדער פון "צבאות השם": קינדער דאַרפן אויפשטעלן אַזאַ "בית תפלה,

**די מנורה לערנט אונז, אַז עס מוז זיין "אורה יוצאה לעולם"**

תורה וגמילות חסדים" פון זייער אייגענעם חדר, אַ חדר וואו דער אויבערשטער רוט דאָרט בגלוי!

גלייך ווי מען שטייט אויף פון שלאָף זאָגט מען דאָרט "מודה אני" און דערנאָך ברכות השחר, אין וועלכע מען דאַנקט דעם אויבערשטן פאַר אַלע זיינע חסדים (תפלה), און מ'האָט דאָרט אַ צדקה-פושקע (גמילות חסדים), און אויך אַ חומש, אַ סידור (און דאָס גלייכן), וואָס געהערט צו זיך (תורה).

און אויף דעם לערנט אונז די "מנורה", אַז עס מוז זיין "**אורה יוצאה לעולם**"[5]: עס דאַרף זיין קענטיק פאַר אַלעמען אַז דאָס איז אַן אמת'ע אידישע הויז, אויף וועלכער דער אויבערשטער זאָגט "ושכנתי בתוכם"; און דערמיט מאַכט מען ליכטיק אויך אין די אַלע הייזער אַרום, אָנהויבנדיק פון די נאָענטע, און דערנאָך אויך די הייזער וואָס זיינען ווייטער (אַ ביסל אָדער אַ סך ווייטער).

ביז מ'וועט דורכפירן די "מישאָן" – אַז אין דער גאַנצער וועלט וועט מען אַנערקענען בגלוי ווי "**בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ**"[6].

און דאָס וועט נאָכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו,

און מ'וועט זען ווי אהרן הכהן[7] צינדט אָן די מנורה אין דעם גרעסטן "בית" – דעם אויבערשטנס "בית המקדש", במהרה בימינו ממש.

(אור לה' דחנוכה תשמ"ז)

---

1) ראה מנחות פו, ב. תנחומא פרשתנו ו. ויקרא רבה פל"א, ז. 2) ראה בארוכה לקוטי שיחות חלק כו עמוד 414 ואילך. שיחת ש"פ תרומה תשמ"ז. "דער רבי רעדט צו קינדער" מועדים חלק א עמוד 257 ואילך. וראה לקמן עמוד 136. 139. 3) ראה יחזקאל יא, טז. מגילה כט, א. 4) תרומה כה, ח. וכמחז"ל "בתוכו" לא נאמר אלא "בתוכם" – בתוך כאו"א מישראל (ראה ראשית חכמה שער האהבה פרק ו קרוב לתחלתו. אלשיך תרומה עה"פ. של"ה סט, א). 5) ראה תנחומא שם: שיהא האור יוצאת מן בית המקדש ומאיר לעולם. וראה גם רש"י מנחות שם. 6) בראשית א, א - מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל". 7) דהרי כשיבנה המקדש משה ואהרן יהא עמנו (תוד"ה אחד – פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב).